בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום ג' | נח | כ"ז תשרי | תשע"ב | פסחים: ק"ג:

# באריכט:

נעכטן נאכמיטאג האט מרן רבינו שליט"א זיך באטייליגט ביי די לוי' פון מחתונו יבדל"ח כ"ק אדמו"ר מ'קיוויאשד שליט"א וועלכער איז פאהרגעקומען בבית מדרשו אין וויליאמסבורג ווי עס האט זיך באטייליגט א גרויסער ציבור מלוים.

דערביי האט דער רבי שליט"א מספיד געווען דעם נפטר ז"ל זאגענדי'ג אז די סופי תיבות פון צדיק תמי'ם הי'ה בדורותי'ו איז מקוה, מיט וואס דער רבי שליט"א האט ערוועהנט אז דער חילוק פון א מקוה און א מעיין איז אז דער מעיין איז כשר פון זיך און א מקוה דארף מען בויען אז עס זאל זיין כשר, האט דער רבי שליט"א געזאגט לגבי דעם נפטר ז"ל אז ער איז געווען בבחינה מקוה וואס ער איז אליינס געווען אויסגעארבעט, - חוץ פון די גרויסע אבות פון ווי ער שטאמט.

אזוי אויך דער רבי שליט"א האט באוויינט די אבידה וואס דערמיט האט מען פארלוירן נאך א קשר צום פריערדיגן דור.

נאך די הספדים האט דער רבי שליט"א באגלייט דעם ארון, און זיך דערנאך אומגעקערט אויף מאנסי ווי דער רבי שליט"א וויילט עטליכע טעג אויף אפרוה ביז שב"ק.

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר אברהם שמואל שווארץ הי"ו שו"ב פון קרית יואל.

## ניחום אבלים

ביי משפחת המנוח הרה"ח ר' יצחק ב"ר חיים מרדכי צאהלער ע"ה זיצט מען שבעה ביז ערש"ק נאכמיטאג. מען זיצט שבעה אין זיין שטוב אויף 1361 48'סטע גאס אין בארא פארק.

*ובלע המות לנצח*
*-בשורות טובות-*

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.